**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט עקאנאמישע אנטוויקלונג געשאנקען אויף צו שטיצן איבער 12,000 דזשאָבס און ברענגען**
**איבער $410 מיליאן אין קאפיטאל אינוועסטמענטס**

***ניאגרא היידראפאוער וועט ברענגען מער ווי $100 מיליאן אין פריוואטע קאפיטאל אינוועסטירונגען אין מערב ניו יארק***

***NYPA געלטער וועלן העלפן מיט גרינע היידראגזשען פיזיביליטי שטודיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק פאווער אויטאריטעט ( New York Power Authority, NYPA) באורד אָוו טראַסטיס האט באשטעטיגט עקאנאמישע אנטוויקלונג הילף פאר 25 פירמעס וואס וועט שטיצן מער פון 12,000 דזשאבס — כמעט 500 ניי גאשאפן – און אויפטרייבן מער פון 410 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען אין פארמעגן. ביליגע טרייב קראפט דורך דעם ReCharge NY [פראגראם](https://www.nypa.gov/) איבערן סטעיט איז צוגעטיילט געווארן צו 23 אפליקאנטן, און צוויי פירמעס אין מערב ניו יארק האבן באקומען ניאגארא ביליגע היידראָו-קראפט. אין צוגאב, האט די NYPA באורד באשטעטיגט א מערב ניו יארק פאווער פראסידס פארטיילונג צו שטיצן די באנוץ פון גרינע היידראדזשען אין שטאט ניו יאָרק.

"מיר פירן דעם וועג צו א בליענדע, שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע געטריבן דורך ריינע ענערגיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אווארדס וועלן אוועקשטעלן מער ענערגיע-ווירקזאמע אינפראסטרוקטור, סטימיולירן אונזער עקאנאמיע, שאפן דזשאבס, און אויספלאסטערן דעם וועג צו א ריינערע, און מער סאסטעינעבל צוקונפט. מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער פריאריטיזירן גרינע ענערגיע פראיעקטן וואס ציען צו זיך די אינדוסטריעס פון מארגן צו ניו יארק."

## **ReCharge NY צוטיילונגען**

די באוויליגטע אויסטיילונגען פון כמעט ניין מעגעוואַט (MW) פון ביליגע עלעקטרישע קראפט אונטער דעם ׳רי-טשארדזש-NY׳ פראגראם וועלן געטיילט ווערן צו 23 פירמעס אין דעם קאפיטאל דיסטריקט, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, הודסאן וואלי, ניו יארק סיטי, מערב ניו יארק און אויף לאנג איילענד. די פארטיילונגען שטיצן דירעקט מער ווי 12,000 דזשאבס -- 458 ניי געשאפענע -- און איבער $305 מיליאן אין קאפיטאל אינוועסטירונגען.

ReCharge NY האט פארשטערקערט ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע דורכן ערמוטיגן פירמעס צו היטן אויף דזשאבס און שאפן נייע, און אין דעם זעלבן צייט אויפטרייבן אינוועסטירונגען אין פארמעגן איבער די גאנצע סטעיט. ReCharge NY אפפערט טרייב קראפט קאנטראקטן פון ביז זיבן יאר. האלב פון די ענערגיע קראפט -- 455 מעגאוואט -- אין פון די NYPA's ניאגארא און סט. לאורענס-פראנקלין ד.

רוזוועלט היידרא-עלעקריק ענערגיע פאבריקן. די איבעריגע MW455 זענען ביליגע טרייב קראפט געקויפט דורך די NYPA אויף דעם האולסעיל מארקעט.

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״דורך די רי-טשארדזש-NY׳ פראגראם, טוט NYPA טרייבן ניו יארק׳ס איבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע. די ביליגע טרייב קראפט פראגראם וועט צולייגן כמעט 500 דזשאבס צו ניו יארק'ס טאלאנטפולע ארבעטסקראפט און ווידער אויפבליען קאמיוניטיס מיט איבער $305 מיליאן אין פריוואטע קאפיטאל אינוועסטירונגען."

טייל פון די מערקווירדיגע פארטיילונגען היינט באשטעטיגט דורך דעם NYPA באָורד דורך ׳רי-טשארדזש-NY׳ רעכענען אריין אויסטיילונגען צו אלבאני מעדיקל צענטער אין די קאפיטאל דיסטריקט, אורבען פיעלדס אגריקולטור אויף לאנג איילענד, און מארגען סטענלי אין ניו יארק סיטי.

א פולע ליסטע פון די היינטיגע ReCharge NY טרייב קראפט צוטיילונגען און עקאנאמישע אנטוויקלונג שטיצע קען מען זעהן דא.

## מערב NY צוטיילונגען

די NYPA באורד האט אויך באשטעטיגט ביליגע ניאגארא היידראָ-ענערגיע אלאקירונגען צו צוויי פירמעס אין מערב ניו יארק: קאול עש ריסייקלינג (CAR) און סאנוויל דיסטריביושאן צענטער, אינק.

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט פארזיצער און באפעלאו איינוואוינער דזשאן אר. קאעלמעל האט געזאגט,** ״היידראָ-ענערגיע פון דעם ניאגארא עלעקטרישע קראפט פראיעקט איז דער רוקנביין פון מערב ניו יארק'ס עקאנאמיע. די היידראָ-ענערגיע אויסטיילונגען באשטעטיגט ביי דער היינטיגער זיצונג וועלן שטיצן פירמעס וועלכע הייבן די צילן פון ניו יארק'ס לאנד-פירנדע קלימאט אגענדע און שטעלן צו וויכטיגע סערוויסעס וואס וועלן פארשטערקערן מערב ניו יארק׳ס אויפשטייגנדע ריינע ענערגיע עקאנאמיע.״

די NYPA באורד האט באשטעטיגט א 2,550-קילאוואט (kW) היידראָ-ענערגיע אלאקירונג אין שטיצע פון CAR'ס פארברייטערונג, טרייבנדיג אומגעפער 45 מיליאן דאלער אין קאפיטאל אינוועסטירונגען און שאפנדיג 20 גרינע דזשאָבס אין דעם ראיאן.

CAR, אן אייגנטומער פון לענדפיל סייטס וואס האלטן פליי עש, א וויכטיגע באשטאנדטייל אין קאנקריט פאבריצירונג, פלאנירט א פארברייטערונג פראיעקט ביי איר פרידאניע פאסיליטי צו איבערארבעטן און פראצעסירן פליי עש כדי עס זאל קענען גענוצט ווערן אינעם פראדוקציע פון נידריג-קארבאן גרינע קאנקריט. פליי עש איז א ביי-פראדוקט פון פארברענען קאול צו טרייבן עלעקטריציטעט. CAR'ס טשאטאקווא קאונטי לענדפיל אנטהאלט פליי עש וואס איז פראדוצירט געווארן ביי די דאנקורק דזשענערעיטינג סטעישאן אין 1960 ביז 1980 יארן.

די פראדוקציע פון צעמענט, א באקאנטע באשטאנדטייל אין קאנקריט, איז פאראנטווארטליך פאר כמעט 8 פראצענט פון די וועלט'ס קארבאן עמישאנס. ערזעצן פליי עש אנשטאט צעמענט אין קאנקריט פראדוקציע פארלענגערט דאס לעבן פון קאנקריט סטרוקטורן דורך פארבעסערן איר אלגעמיינע שטארקקייט און דויערהאפטיגקייט. אין צוגאב, שפארט עס וואסער און רעדוצירט באדייטנד גרינהויז גאז עמישאנס.

CAR's אפליקאציע איז גענומען געווארן אין באטראכט אונטער די גרינע דזשאבס אָפּשאַצונג באלוינונג פלאן באשטעטיגט דורך די טראסטיס אום דעצעמבער 9, 2020. דער פלאן ערלויבט דאס נעמען אין באטראכט גרינע דזשאבס ווירקונגען ביים אפשאצן אפליקאציעס פאר NYPA היידראפאווער. CAR'ס פראיעקט קומט נאך די קוואליפיצירנדע באדינגונגען אלס א גרינע דזשאבס פירמע אין ניו יארק סטעיט.

אין צוגאב, טוט דער פראיעקט שטיצן די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט און נידריגע עמבאדיד קארבאן קאנקריט פירערשאפט אקט, וואס פארלאנגט דעם באנוץ פון נידריג-קארבאן קאנקריט אויף ניו יארק סטעיט באצאלטע פראיעקטן.

סאנוויל דיסטריביושאן צענטער, א סטארעדזש, און דיסטריביושאן פירמע באזירט אין מערב ניו יארק פאר מער ווי 80 יאר, האט באקומען 500 kW פון הייראפאוער צו אויפבויען א 334,000 סקווער פוס דיסטריביושאן ווערהאוז אין מערב סענעקע צו שטיצן די וואוקס פון איר עקזיסטירנדע קאסטומער באזע בשעת'ן צושטעלן די פארמערטע מעגליכקייטן וואס זענען נויטיג צו ציען נייע קליענטן. די כמעט $60 מיליאן פאסיליטי וועט דינען אלס א מולטי-טעמפעראטור סטארעדזש, דיסטריביושאן און פעקעדזשינג פלאץ פאר פארטיגע עסנווארג און געטראנקען פראדוקטן. דער פראיעקט וועט ערלויבן די פירמע צו שטיצן דעם וואוקס פון עקזיסטירנדע מאנופאקטשורערס און העלפן ציען נייע צו מערב ניו יארק, וואס איז ערווארטעט צו ברענגען נאך עקאנאמישע אקטיוויטעט צום ראיאן און שאפן 19 פרישע, פול-טיים, פערמענאנטע שטעלעס.

ביליגע ניאגארא היידראָו-קראפט איז דא צו באקומען פאר פירמעס אין די 30-מייל ראדיוס ארום די פאווער אויטאריטעט׳ס ניאגארא ענערגיע פראיעקט אדער ביזנעסער אין טשאטאקווא קאונטי. ניאגארא היידראָו-קראפט איז פארבינדן צו צענדליגע טויזנטער עקזיסטירנדע דזשאבס אין דעם ראיאן.

אין צוגאב, האט די NYPA באורד אוו טראסטיס באשטעטיגט א $35,000 פארטיילונג פון דער מערב ניו יארק ׳פּאַווער פּראָסידס׳ פראגראם.

ניאגרא אוניווערסיטעט איז געשאנקען געווארן $35,000 אין געלטער צו שטיצן א פיזיביליטי שטודיע דורכאויס דעם קאמפוס וואס וועט אונטערזוכן די מעגליכקייט צו פארמינערן עמישאנס דורכן הייבן איר באקנוץ פון גרינע היידראדזשען.

ניו יארק פירט א קאאליציע אינעם ראיאן פון זעקס שטאטן וואס קאלאבארירן אויף פארשריט אין ריינע היידראדזשען פראיעקטן דורכאויס דעם ראיאן אין איינקלאנג מיט יעדע סטעיט'ס אנטשלאסענע קלימאט און ריינע ענערגיע צילן, אריינרעכענענדיג א קריטישע פאקוס אויף קלימאט און ענווייראנמענטל יושר.

די NYPA פינאנצירונג אויסטיילונג איז ערמעגליכט דורך נעט איינקונפטן פאראורזאכט דורך דאס פארקויפן אומגעניצטע היידראָ-פּאַווער געשאפן ביי NYPA׳ס ניאגארא ענערגיע פאבריק און שטאמט פון פאוער פראסידס לעגיסלאציע וואס איז אונטערגעשריבן געווארן אלס געזעץ אין 2012.

**אסעמבלימיטגליד מייקל דזש. קאסיק האט געזאגט,** "רי-טשארדזש-NY פארטיילונגען פון די ניו יארק פאווער אויטאריטעט ברענגען פאראויס אונזער סטעיט'ס מוטיגע קלימאט און ריינע ענערגיע צילן. די נייע רונדע פון פארטיילונגען וועלן סטימיולירן ניו יארק'ס עקאנאמיע דורכן צולייגן הונדערטער דזשאבס און ברענגען גרויסע קאפיטאל אינוועסטירונג."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער

35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. צוזאמען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע אינדוסטריע זינט 2021, א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ווינט-ענערגיע וואס ווערט אויפגעטריבן אין די ים ביז 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU's פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418